# ארץ ישראל

פון אונזער פאַרשטאָרבענעם ליבען חבר,

שמואל שערמאַן

---

ס'לאָזט מיר ניט רוהען —
ביי טאָג און ביי נאַכט;
ווי אַזוי צו דיר פליהען
ליג איך און טראַכט.

צו דיר, מיין געליבטע,
מיט דיר וויל איך זיין,
ביי דיר, מיין געליבטע, זוכען שיין.

שטעהסט שטענדיג פאַר מיר
מיט דיין שעהנעם געשטאַלט
איך וויל זיין מיט דיר —
איידער איר ווער אַלט.

איך בייגק נאָך דיר
נאָך גאַר פון אַמאָל,
ווייל טייער ביזטו מיר,
מיין ליב ארץ־ישראל.

„חבל — חבל"

IN LOVING MEMORY

of

**HENRY BURT**

A FRIEND WHO CANNOT BE FORGOTTEN

(God alone knows how I miss him)

A Workers — No One Can Take His Place

ALTER BOYMAN,

Chairman, National Labor Committee for Palestine

# א פייערלעכער צוזאג

---

מיטן גאַנצן האַרצן — זאָגן מיר צו — ניט פאַרגעסן — אונזערע ברידער און שוועסטער — פון יענער זייט ים — וואָס זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרן — פון דעם גרוייזאַמען שונא.

געדענקען וועלן מיר זייערע ריינע נשמות — און זייער הייליקן מסירת נפש.

מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם — וואָס אונזער לאַנד קעמפט — אין איינעם מיט אַלע אַליאירטע פעלקער — פאַר דעם וואָס איז אונז טייער און הייליק.

טיף איז אונזער גלויבן — אַז דער נצחון איבערן בייזן שונא — וועט ברענגען ברידערלעכקייט, פרייהייט און יושר — פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט און — אַ גאולה שלמה פאַר אונזער אידישן פאָלק.

די שבועה וואָס טויזנטער אידישע קינדער האָבן געשוואוירן אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג פון צער און פראָטעסט, מאָנטיק, דעם 22טן פעברואר — וואשינגטאָנס געבורטסטאָג — אין מעקא טעמפל, ניו־יאָרק.



גאולת הארץ

דער נאַציאָנאַל פאָנד

הסתדרות

בויט

און

פאַרטיידיקט



# אידישע שרייבער לאָזן אַרויס אַ רוף אָנצושליסן זיך אין דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

„מיר אידישע שריפטשטעלער און דיכטער, מיטגלידער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, ווענדן זיך צו אייך, אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, מיט אַן ערנסטן רוף.

„נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק האָבן מיר ניט דורכגעלעבט אַזאַ טראַגישע צייט, ווי די איצטיקע.

„די בלוטיקע געשעענישן אין די לעצטע יאָרן האָבן נאָך אַמאָל קלאָר באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז די אידישע מאַסן זיינען שטענדיק אונטערגעוואָרפן דעם שווערסטן גורל פון געזעלשאַפטלעכער צעטרייסלונג.

„מיר לעבן דורך דעם טיפסטן נשמה־ציטער, ווען מיר טראַכטן וועגן דעם גורל פון די אידישע מאַסן אין די היטלער־פאַרשקלאַפטע לענדער. מיר ווערן נאָר געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז דער היטלעריזם און פאַשיזם וועלן שנעל פאַרניכטעט ווערן, און דורך דעם זיג פון די דעמאָקראַטישע פעלקער וועט צוריק אויפגעבויט ווערן אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט פאַר אַלע מענטשן און פאַר יעדן פאָלק.

„אַ גרויסע טרייסט פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן פאַרן אידישן פאָלק רופט ביי די אידישע מאַסן אַרויס דער גלויבן, אַז אונזער פאָלק וועט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט אויפצובויען ארץ־ישראל אַלס אידיש־נאַציאָנאַלע היים.

„אין די לעצטע 50 יאָר האָט דער ציוניזם, אַלס גרויסע פרייהייטס־באַוועגונג, געשטאַרקט דעם כבוד פון אידישן פאָלק. עס זיינען אין ארץ־ישראל אויפגעבויט געוואָרן וויכטיקע עקאָנאָמישע און קולטור־פּאָזיציעס, וואָס האָבן דערוואָרבן פאַר אונזער פאָלק די אָנערקענונג פון די דעמאָקראַטישע פעלקער אויף אונזער רעכט אויפצובויען דאָס לאַנד פון אידישער האָפענונג.

„אין דער גרויסער אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג־באַוועגונג, און אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, שפּילן די אידישע אַרבעטער די וויכטיקסטע ראָלע. באַזונדערס האָט זיך דער אידעאַליזם, פאָלקס־געטריישאַפט, קאַמפס־גרייטקייט און בויאונג־פייאיקט פון די אידישע אַרבעטער אַרויסגעוויזן אין ארץ־ישראל, דורך די טעטיקייטן פון דער הסתדרות, די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס ציילט שוין איצט אין אירע רייען העכער 150 טויזנט אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן ווי אַ פאַראייניקטע מחנה באַוויזן אויפצובויען די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין לאַנד.

„אָבער אויך דאָ, אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע אַנטוויקלונגען, וואָס ציינן, אַז אין די אידישע מאַסן ווערט געשטאַרקט דער ווילן פון אונזער פאָלק צו בלייבן לעבן אַלס פאָלק אין דער משפחה פון אַלע פרייע פעלקער. עס איז אויפגעקומען אַ בעסערע פאַרשטענדניש פאַרן אידישן וואָרט, פאַר דער אידישער קולטור, פאַר אידישער דערציאונג און פאַר אַלע שאַפונגען פון אידישן פאָלק.

„די אַלע דערשיינונגען און אַנטוויקלונגען אין דעם אידישן אַרבעטער־ און פאָלקס־לעבן ווערן געשטאַרקט פון געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזירטע כוחות, וואָס האָבן אַ געהעריקע פאַרשטענדניש און אַ טיפן ווילן, די דערשיינונגען צו פאַרוואַנדלען אין קאָנסטרוקטיווע דערגרייכונגען.

„מיט צופרידנהייט ווייזן מיר אָן, אַז איינע פון די וויכטיקסטע אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־כוחות דאָ אין לאַנד, וואָס האָט פאַר די לעצטע 30 יאָר געווירקט אין דעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן, קולטור־ און אַרבעטער־לעבן, איז דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פונם ערשטן טאָג פון איר גרינדונג פאַרבונדן וויכטיקע נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַקטיוויטעטן מיט פּראַקטישער פראַטערנאַלער הילף פאַרן יחיד. דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק מוטיג געקעמפט און געווירקט צו שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי די אידישע מאַסן און אַרויסצורופן ליבע צו אַלע קולטור־שאַפונגען פון אידישן פאָלק, און אויך געטריי געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די בוּיער פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער צוקונפט אין ארץ־ישראל.

„מיר זיינען איבערציינגט, אַז נאָך דעם זיג פון די דעמאָקראַטישע פעלקער, ווען היטלעריזם און פאַשיזם וועלן זיין פאַרניכטעט, און די וועלט וועט צוריק איבערגיין צו אַ נאָרמאַלן, פּראָדוקטיוון לעבן, וועלן מוזן אין אַמעריקע אונטערגענומען ווערן ריזיקע טעטיקייטן, וואָס וועלן מיט זיך טראָגן גרויסע פאָלקס־פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. די טעטיקייטן וועלן אויף זיך מוזן נעמען די אָרגאַניזירטע כוחות פון אַמעריקאַנער אידנטום. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד וועט זיך זיכער שטעלן אין די ערשטע רייען צו טראָגן די פאָלקס־פאַראַנטוואָרטליכקייטן און צו דערפילן מיט געטרייטשאַפט די אויפגאַבן, וואָס די געשיכטע וועט אויף אונז אַרויפלייגן פאַרן ווייטערדיקן קיום פון אידישן פאָלק.

„דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד פאַרענדיקט היינטיקס יאָר 30 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, טעטיקייטן און דערגרייכונגען. דאָס יאָר 1943 איז דער יובל־יאָר פון פאַרבאַנד. מיר האָבן אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט די טעטיקייטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגעפירט. מיר האָבן מיט צופרידנקייט זיך אָנגעשלאָסן אַלס מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע, כדי מיטצוהעלפן דעם פאַרבאַנד אין זיינע וויכטיקע אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־טעטיקייטן. מיר זיינען איבערציינגט, אַז ווען דער פאַרבאַנד וועט שטאַרקער ווערן אָרגאַניזאַטאָריש, וועט ער אין אַ גרויסער מאָס קענען דערפילן די אויפגאַבן, וואָס די נויטן פון אידישן פאָלק לייגן אויף אים אַרויף, ספּעציעל אין דער איצטיקער שווערער צייט.

„לכבוד דעם 30־יאָריקן יובּילײ פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, שיקן מיר אונזער רוף צו יעדן איד, מאַן אָדער פרוי, און צו אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס:

„שליסט זיך אָן אַלס מיטגליד אין פאַרבאַנד! קומט אַריין אין אַ קערפערשאַפט, וואָס איז אָרגאַניזאַטאָריש פאַרצווייגט אין אַ גרויסע צאָל שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, און וואָס דינט אויף אַ פּראַקטישן אופן די נויטן פון זיינע מיטגלידער און פון זייערע פאַמיליעס. שליסט זיך אָן אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט און ווירקט פאַר אַלע אידישע פאָלקס־אינטערעסן און קעמפט אין דעם אידישן און אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פאַר פּרינציפּן פון פרייהייט, גערעכטיקייט און דעמאָקראַטיע!”

* * *

אונטערגעשריבן זיך אויפן רוף האָבן די פאָלגנדע באַרימטע שרייבער:

| | | |
|---|---|---|
| א. אויערבאַך | דר. א. טאַרטאַקאָווער. | פּאָמעראַנץ |
| א. אַלמי | ז. טיגעל | א. פּאָזי |
| ב. אַלקוויט | י. ל. טעלער | דר. י. פּאָלישוק |
| שלום אַש | מרדכי יאַפע | דוד פּינסקי |
| ד. איזאַקאָוויטש | חיענע יאַפע | חיים פּעט |
| מ. באַסין | פּ. יאַסינאָווסקי | יעקב פישמאַן |
| מ. בלעכמאַן | ש. יודסאָן | משה פּרייליכאָוו |
| א. וו. בידערמאַן | מ. ירדני | ש. ז. צוקערמאַן |
| דר. ש. ביקל | דר. צבי כהן | נ. קאַנטאָראָוויטש |
| פּ. בימקאָ | לאָלאָ | י. קוצענאָגי (קיץ) |
| א. בערגער | א. לוצקי | א. קריטשמאַר־איזרעאַ |
| ב. צ. גאָלדבערג | י. ליבמאַן | י. ראַבינאָוויטש |
| יעקב גלאַטשטיין | ש. לעוו | ש. ראַסקין |
| חיים גוטמאַן | יעקב לעשטשינסקי | ל. ראָזאָף |
| (דער לעבעדיקער) | דר. ש. מאַרגאָשעס | ש. ראָזענפעלד |
| ברוך גלאַנץ | י. וו. מאַרקוס | צ. ה. רובינשטיין |
| א. גלאַנץ (לעיעלעס) | דר. א. מוקדוני | פּנחס רודאָי |
| ש. גראָדזענסקי | ד. ל. מעקלער | ה. רויזענבלאַט |
| חיים גרינבערג | מ. מלמד | מ. ריבלין |
| משה דוכאָווני | מ. נאַדיר | א. רעוואוצקי |
| אָסיף דימאָוו | דר. וו. נאַטאַנסאָן | ב. רעסלער |
| י. האָראָוויץ | א. ניסענזאָן | א. רייכמאַן |
| ש. הורוויץ | י. מ. נידערנבערג | חיים שויס |
| פּרץ הירשביין | דר. ש. מייסאָן | ז. שוסטער |
| דר. ב. וויינריב | ש. סאַפּיר | י. י. שוואַרץ |
| שלמה וויסמאַן | מערי סירקין | מאַרק שווייד |
| יצחק זאַר | מ. סעמיועל | יוסף שלאָסבערג |
| י. זיפער | ה. סעקלער | זלמן שניאור |
| ז. זילבערצווייג | ח. עהרנרייך | ל. שפּיזמאַן |
| ל. חפץ | י. ענטין | תלוש |

# אַ בריוו פון פּאַטאַקעט

חשוב'ער רעדאַקטאָר פון „פסח־בלאַט״:

איך האָב גאָר ניט געהאַט אין זינען צו שרייבן היי־יאָר אין „פסח־בלאַט״, ניט ווייל איך האָב עפּעס געגן דער „פסח־בלאַט״ אָדער איך האָב עפּעס געגן דעם רעדאַקטאָר פון „פסח־בלאַט״, אָדער זאָגן אַז עס איז ניטאָ וועגן וואָס צו שרייבן פון מיין שטאָט פּאַטאַקעט, איז דאָך לעכערליך, וואָס הייסט מיין שטאָט האָט קיין נייעס ניט? . . . איז פאַרוואָס האָב איך ניט געוואָלט שרייבן? . . . טאָ הערט וואָרום. פאַראַיאָרן האָב איך אוגמער מיין שטיקל זשורנאַליסטישער קונסט אין „פסח־בלאַט״ זיך אונטערגעשריבן מיט אַ פאַרשטעלטן נאָמען (אַז מ'רעדט באַשיידנקייט) . . . מיין רעכענונג איז געווען, אַז מ'וועט כלמר'שט ניט וויסן ווער דאָס איז. לאָזט זיך אויס אַז . . . מ'האָט טאַקע ניט געוויסט, און די וואָס האָבן יאָ געוויסט האָבן זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. נו, דאָס זעט איר, פאַני רעדאַקטאָר, איז שוין אַביסל מער ווי אַ פאַרדראָס. „יו נאָו״, טראַכט איך, וואָס טוט זיך דאָ — קיין כבוד ניט, קיין געלט ניט, היינט צו וואָס קאַליע מאַכן פּאַפּיר און פּלאַץ אין „פסח־בלאַט״, ווען איר קענט דעם פּלאַץ פאַרקויפן פאַר גוט געלט?

אָבער אַז איר האָט מיך אָפּגערופן אויפ'ן טעלעפאָן און געבעטן עטליכע שורות פאַר'ן „פסח־בלאַט״, האָט זיך דער זשורנאַליסט אין מיר צעפלאַמט . . . היינט דער אויסזיכט פאַר אונשטערבליכקייט? הכלל, שווער ביישטיין אַזאַ נסיון.

* * *

אַ, איר ווילט בעסער וויסן ווי מיר האָבן דורכגעפירט אונזער „יו. דזשיי. איי. קאַמפּיין״? גיי איך דאָך טאַקע וועגן דעם שרייבן (ס'אַרא בייזער איר איר זייט, פאַניע רעדאַקטאָר, לאָזט אַ וואָרט ניט אויסריירן).

אַלזאָ, הערט! עס האָט זיך באַ אונז אין פּאַטאַקעט היי־יאָר אָפּגעזוכט נאָר אַ נייער מענטש, און דער „נייער מענטש״ האָט דורכגעפירט דעם קאַמפּיין אונרעדוואַרטעט גלענצענד. אונזער קוואָטאַ איז געווען 12 טויזנט דאָלער (אַ מאַסע געלט פאַר אונזער שטאָט!). נו, נימ ער זיך אַ נעם דער „נייער מענטש״ און מאַכט קיילעכדיקע 13 טויזנט דאָלער. און מערקט אייך — דער גאַנצער קאַמפּיין האָט „אָפּגעברענט״ אין צוויי וואָכן.

ווער איז דער „נייער מענטש?״ - יאָ, דאָס איז אַ אידיש־אַמעריקאַנער יונגערמאַן, מיט אַ גאָלדענעם האַרץ און גרויסע פייאיקייטן, הערי שוואַרטץ. ער האָט טאַקע געהאַט אַ גוטע קאָמיטע אויך, אָבער ער האָט עס אינספּירירט די אַרבעט, און דער דערפאָלג איז טאַקע גוואַלדיק גרויס. דער אַרבעטער רינג ברענטש פון פּאַטאַקעט האָט אויך גענומען זייער אַ טיכטיגן אַנטייל אין דעם קאַמפּיין, און דערפאַר טאַקע האָט מען צוגעטיילט דעם געוועוערקשאַפטן קאַמפּיין קיילעכדיקע 11 הונדערט דאָלער (די גרעסטע סומע פון פּאַטאַקעט פאַר דעם צוועק). אַ באַדייטנדע סומע געלט איז אויך צוגעטיילט געוואָרן דעם „האַיאַס״, אידישן קאָנגרעס, „אָרט״, א. א. וו. נו, וואָס וועט איר איצט זאָגן, פאַניע רעדאַקטאָר?

* * *

ווי עס גייט אין אונזער גמילת חסד, ווילט איר וויסן? דאָ ניט לאַנג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער יאָרליכער מיטינג, הער איך ווי דער פּרעזידענט, טש. טעסלער, באַריכטעט: דער קאַפּיטאַל איז באַדייטענד פאַרגרעסערט געוואָרן (אַרום 12 טויזנט דאָלער). אַ דאַנק דעם וואָס מאַטעריעל איז די לאַגע פון די מיטגלידער פאַרבעסערט, איז די נאָכפראַגע פאַר „לאָאַנס״ זייער קליין — אינגאַנצן 20 אויסלייער — און דעריבער קומט שטענדיק אריין געלט און וועמען אויסלייען איז ניטאָ (?) נו, האָט דער גמילת חסד געקויפט פאַר זיבן טויזנט דאָלער באָנדס, און עס איז נאָך אַלץ דאָ געלט. ווערט דער באַריכט אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם, און דערפאַר טאַקע קלייבן מיר אויס אַ נייעם פּרעזידענט — דזש. ראַזין. אָט אַזעלכע סאָרטן אידלעך זיינען מיר אין פּאַטאַקעט! דער אמת איז אָבער, אַז טש. טעסלער האָט געדינט דעם גמילת חסד פינף טערמינען, און אונטער זיין אַדמיניסטראַציע איז דער גמילת חסד געוואַקסן, און אַלע מיטגלידער שאַצן עס זייער הויך, און צוליב פּערזענליכע אומשטענדן קען ער מער ניט דינען דער אינסטיטוציע. אַ דאַנק אייך, טש. טעסלער, פאַר אייער נוצליכער אַרבעט.

* * *

וואָס עס הערט זיך אין אונזער אָרטאָדאָקסישער וועלט?

נו פריער פאַר אַלץ, גיט אונז אָפּ אַ מזל טוב — מיר האָבן חתונה געמאַכט אונזער רב, הרב א. גאָלדין — ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ קלוגע, געבילדעטע, שיינע ווייבל . . . טו זאָל זיין מיט מזל. אַז אונזער רב, א. גאָלדין, גיט אַרויס אַ ציימונג'ל, ווייסט איר דאָך. לייען איך אין לעצטן נומער אַז — הערט און שטיינט — פּאַטאַקאטער אידן האָבן געגעבן דער אַרמיי 120 יונגעלייט! . . . אויך איז אונטער דער פירערשאַפט פון הרב א. גאָלדין דעם סיזאָן געהאַלטן געוואָרן עטליכע אינטערעסאַנטע לעקציעס. צווישן זיי מר. סעמועלס, דייווידסאָן, און איתמר בן אבי, און נאָך עטליכע פאַלן.

* * *

אונזער בני־ברית האָט געהאַט זייער אַ פייערליכן צוזאַמענקונפט — אַ פאָן מיט 120 שטערן איז אויפגעצויגן געוואָרן פאַר די 120 אידישע יונגעלייט פון פּאַטאַקעט אין דער אַרמיי. אַ פאַרשטייער פון קריגס דעפּאַרטמענט איז ספּעציעל געקומען צו אַדרעסירן די פאַרזאַמלטע באַ דער צערעמאָניע.

* * *

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג באַ אונז? . . . הינקט אונטער אַביסל, אָבער אָט האָבן זיי אויפגעטאָן אַ שיינע זאַך — זיי האָבן געמאַכט אַ „דרייוו״ פאַר באָנדס און האָבן פאַרקויפט פאַר 110 טויזנט דאָלער באָנדס — זייער אַ שיינער אויפטו.

* * *

זאָגט מיר נאָר, פאַניע דעראַקטאָר, ווען איך פאַרענדיק מיט אַ קאָפּ נייעס פון אַרבעטער רינג ברענטש, וואָלט איר ניט געווען אויף מיר ברוגז? . . . אונזער ברענטש 522 אַרבעטער רינג האַלט באַ פאַרענדיקן אַ גלענצענדן סיזאָן פון אַרבעט. אויסער דער רוטינער אַרבעט, האָט זיך דער ברענטש אַקטיוו באַטייליקט אין דעם „יו. דזשיי. איי. קאַמפּיין״. אַ קאָמיטע אַרבעט איצט דורכצופירן אַ „דרייוו״ פאַר באָנדס; אַן אַנדער קאָמיטע, פאַר אַ פּלאַטע פון בראָנז מיט די נעמען פון די זין פון אַרבעטער רינג מעמבערס אין דער אַרמיי (אַרום 20 נעמען).

אַמערסטן האָט זיך אויסגעצייכנט אונזער עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע, אונטער דער פירערשאַפט פון ה. מ. פרוכט. עס ווערן אָנגעפירט ליטעראַרישע פאָרלעזונגען צוויי מאָל אַ מאָנאַט, לעקציעס, סימפּאָזיומס, א. א. וו. זיי האָבן געהאַט צוויי אינטערעסאַנטע קאָנצערטן, איינעם מיט ב. באַלערינא, און אַ צווייטן מיט ח. גראָסבערג. צוגרייטונגען ווערן געמאַכט פאַר נאָך עטליכע קאָנצערטן.

* * *

איצט וועל איך, מיט אייער דערלויבעניש ענדיקן מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ גרוס פון פּאַטאַקעט צו די פּראָווידענסער אידן, מיט אַ וואונש פאַר אַן ערפאָלג אין אייער געווערקשאַפטן קאַמפּיין, און אַ שנעלע ענדע פון דעם קריג.

אייער, בן חיים מאיר

# די אידישע בעקער יוניאָן

חאָטש קיין סך נייעס צו שרייבן דאָס יאָר וועגן דער בעקער יוניאָן איז ניטאָ, ווייל אַלע אירע אַרבעטען סיי פאַר די איינענע מיטגלידער וואָס זיי טוען, סיי זייער אַרבעט אין אַרויסהעלפען אַלע קאַמפּיינס ווי אויך שטאָטישע אונטערנעמונגען, זיינען שוין געוואָרען כמעט אַ טראַדיציע, אָבער דורכלאָזען אַ „פסח־בלאַט״ אויסגאַבע און אינגאַנצען ניט שרייבען וועגען דער בעקער־יוניאָן, איז כמעט ניט מעגליך. דאַרום דערמאָנען דאָ נאָך אַמאָל — און טאַקע נאָך אַמאָל — אונזערע אידישע פריינד: געדענקט, מיר האָבן טאַקע ניט קיין גרויסע אידישע בעקער יוניאָן, אָבער זי טוט אַלע מאָל גרויסע אַרבעטען, און זי האָט אַ רעכט ניט נאָר צו בעטען פון אונז — נאָר טאַקע פאָדערען — אַז מיר זאָלען איר העלפען אין איר אַרבעט. און דאָס קאָן געטון ווערען דורך קויפען ברויט מיט'ן יוניאָן לייבעל, וואָס קאָסט ניט טייערער און צו דער זעלבער צייט איז דאָס אַ צייכען פון מענטשליכער באַהאַנדלונג און מענטשליכע אַרבעט ביים באַקען דאָס ברויט. עס פאַרזיכערט אויך, אַז אַפּאָר צענדליק אידישע משפחות זאָלען מאַכען אַן אָנשטענדיקען לעבען אויף אַ בכבוד'יקען וועג, און זיי זאָלען קענען פאָרזעצען די גוטע אַרבעט וואָס זיי זיינען שטענדיק גרייט צו טון — און טוען טאַקע.

— אַלטער בוימאַן

# ושננתם לבניך

דאַכט זיך אַז יעדער איד, אויב ער איז ניט אַ הונדערט-פּראָצענטיקער עם-הארץ, ווייסט אַז די וויכטיגסטע תפילה פון אַלע תפילות איז „קריאת-שמע", און אין קריאת-שמע איז דאָס וויכטיגסטע, נאָך „שמע . . .", דער ושננתם לבניך. וואָלט דאָך על פי לאָגיק געדאַרפט געמאַכט ווערען די גרעסטע אַנשטרענגונג פאַר אידישער ערציהונג — פאַר דעם „ושננתם„ — און אָרטאָדאָקסישע אידען, אודאי און אודאי. איצט לאָמיר זעהן ווי אַזוי איז היינט צו טאָג די פראַגע פון חינוך פאַרענטפערט באַ אונז אין שטאָט.

דאָס ערשטע, אַביסעל ציפערען, כדי זיך ריכטיג צו באַקענען מיט דעם צושטאַנד, און אפשר וועלען מיר פון דעם עפּיס קענען לערנען.

1) טעמפּעל בית-ישראל —
אין דער טעגליכער שולע — — — — — 40 קינדער
אין דער זונטאַג-שולע (סאַנדעי סקול) 150 קינדער
2) טעמפּעל עמנואל — אין דער טעגליכער שולע, 110 קינדער
אין רער זונטאַג-שולע (סאַנדעי סקול) 470 קינדער
3) טעמפּעל בית-אל, אין דער טעגליכער שולע, 35 קינדער
אין דער זונטאַג-שולע (סאַנדעי סקול), 175 קינדער
4) דזשואיש קאָמיוניטי סענטער —
אין דער זונטאַג-שולע (סאַנדעי סקול) 140 קינדער
5) סאַוט פּראָווידענסער תלמוד תורה, וועלכע רעכענט זיך אַלס די תלמוד תורה פון דער תפארת-ישראל שוהל און פון בית-דוד אנשי עסטרייך, סאַוט פּראָווידענס היברו קאָנג., און פון דער לינת-הצדק שוהל — האָט — — — — — — — 48 קינדער
6) אהבת שלום תלמוד תורה — — — — 38 קינדער
7) בני-ציון שוהל תלמוד תורה — — — — 55 קינדער
8) פּאַראָקיעל סקוהל — — — — — — 15 קינדער
9) פּאַראָקיעל סקוהל קינדער-גאַרדען — — 18 קינדער
10) די שארית הפליטה פון דער בני-אברהם שוהל, 22 קינדער

אין אַלע אָרטאָדאָקסישע תלמוד-תורות — שוין אפילו אריינרעכענענדיג די פּאַראָקיעל סקוהל קינדער און קינדער-גאַרדען קינדער — איז אַלץ צוזאַמען דאָ ניט מער ווי 196 קינדער.

דאַכט זיך אַז אַזאַ לאַגע, אין וועלכער דער „חינוך" געפינט זיך, וואָלט געפאָדערט פון די פירער אַז זיי זאָלען זיך אַליין פרעגען — און אפשר טאַקע אָפּגעבען זיך אַ חשבון הנפש — צי דער סיסטעם, די פּראָגראַם וואָס זיי האָבען איינגעפירט, איז די ריכטיקע? אפשר וואָלט מען געדאַרפט מאַכען געוויסע ענדערונגען און ניט לאָזען געהן אַלעס צו גרונד; ווייל, וואָס-וואָס, מ'קען דאָך מיט רעכט זאָגען, אַז דער צוטרויען צו דער תלמוד-תורה אין סאַוט-פּראָווידענס איז ניט איבעריג גרויס, ווייל ערשט צוריק מיט עטליכע יאָר האָט זי געהאַט 110-120 קינדער, און איצט — ווען די „בני-אברהם" שוהל האָט ניט קיין תלמוד-תורה — האָט זי ניט מער ווי 48 קינדער. וויפיל נאָך יאָרען דאַרפען זיי האָבען צו זיין די פירער, מיט זייערע זאָגענאַנטע פּראָגראַמען פון לערנען, אַז די תלמוד-תורה זאָל זיך אין גאַנצען דאַרפען פאַרמאַכען? וועלען זיי דעמאָלט קענען מיט אַ ריינעם געוויסען זאָגען: „ידינו לא שפכו את הדם הזה"?

נאָך מער, אַז מ'קוקט זיך צו ימים-נוראים, ווי אַזוי די שוהלען זיינען געפּאַקט, און ארום די שוהלען דרייען זיך ארום הונדערטער קינדער (ניט חלילה אין די שוהלען), און זיי זיינען דאָך די צוקונפטיגע שוהל-געהער, קען מען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ „עם-הארצות" מיר וועלען האָבען אין די קומענדיקע 10-15 יאָר!

וואָס פאַר אַ תירוץ וועלען זיי קענען געבען דעמאָלט. מ'וועט דאָך דעם „עשה למען תניקות של בית-רבן" אין גאַנצען ניט טאָרען זאָגען, אויב מען וועט ניט וועלען זיין גלאַט פלאַפּלער.

נו, אין די אַנדערע טיילען פון שטאָט איז חלילה אויך ניט בעסער. אמת דאָרטען קען מען געפינען אַ תירוץ — דער „נעיבאָרהוד" האָט זיך געביטען. וואָלט דאָך יושר'דיק געווען אפשר איבערצופירען די ערציהונגס אַנשטאַלטען וואו דער רוב מנין פון די אידען וואוינען? און אויב עס געפינט זיך אַ יונגער ענערגישער רב, וועלכער האָט איינגעזעהן דעם טעות און וויל שאַפען אַ תלמוד תורה דאָרט ווי די אידען און די אידישע קינדער געפינען זיך, וואָרום אים ניט אַרויסהעלפען אין דער אַרבעט? אָבער זאָל דער אמת געזאָגט ווערען — ווי מ'זאָגט — מ'זאָל כאָטש ניט שטערען אים, וואָלט אויך גענוג געווען (מיר ווינטשען אים הצלחה).

עס טראָגען זיך אפילו אַרום קלאַנגען אַז די איצטיקע פירער האָבען שוין איינגעזעהן דעם טעות, און זיי ווילען אָפּגעבען די פירערשאַפט מיט זייערע „פּראָגראַמען" צוזאַמען (הלואי וואָלט דאָס אמת געווען). זיי שרעקען זיך פאַר דעם חשבון וואָס זיי וועלען דאַרפען אָפּגעבען . . . אָבער עס גלויבט זיך קוים (מאַלע וואָס מ'רעדט . . .)

יאָ, דאָס איז דער מצב פון דעם „חינוך" באַ אונז אין שטאָט. ניט מער ווי 1263 קינדער טרעטען אַריבער די שוועל פון אַ אידישען דערציאונגס אַנשטאַלט, שוין די זונטאַג שוהלען (סאַנדעי סקוהלס) אַריינגערעכענט. פון מער ווי דריי טויזענד אידישע קינדער (כן ירבו) וואָס מיר האָבען באַ אונז אין שטאָט. און דער טראַגישסטער ערציאונגס צושטאַנד איז דוקא באַ אונזערע אָרטאָדאָקסישע אידען. נאָך מער, די נעכטיקע פירער פון די תלמוד תורות האָבען זייערע קינדער אַרויסגענומען פון זיי, און זיי האָבען ניט דעם מוט, דעם קוראַזש, צוגעבען עפענטליך אַז זיי האָבען געמאַכט אַ טעות ביז איצט, און צו פאָדערען און אַרבעטען פאַר ענדערונגען . . . זיי שווייגען.

צו די אָנגעגעבענע ציפערען פון די קינדער וועלכע לערנען אין די תלמוד תורות, קען מען צוגעבען אין דער גאַנצער שטאָט נאָך אַ הונדערט און פופציק וואָס לערנען באַ פּריוואַטע לערער, פון וועלכע אַסך קינדער וואוינען אין דעם זעלבען געגענד וואו די תלמוד תורות געפינען זיך.

יאָ, דאָס איז געוואָרען פון דעם „ושננתם לבניך" באַ אונז אין שטאָט, פון וועלכע מ'דאַרף רעדען בשבתך בביתך, ובלכתך בדרך — בשכבך ובקומך.

צי ס'וועט אַמאָל ווערען אַ ענדערונג? ווי מ'זאָגט, איז דוקא באַ די טעמפּלען דאָ אַ אומצופרידענהייט מיט דער דערציאונגס לאַגע, און טעמפּעל עמנואל מאַכט פּלענער פאַר בויען אַ בילדינג ספּעציעל פאַר די קינדער. טעמפּעל בית-אל, רעדט מען, וועט באַלד נאָך דער מלחמה בויען אַ סקוהל אין דער איסט-סייד, פון וואַנען די גרעסטע צאָל קינדער קומען לעצטענס. נאָר אונזערע אָרטאָדאָקסישע אידען זיינען נאָך צופרידען דערוויל מיט דער קליינער צאָל קינדער (און וועלכע ווערט נאָך קלענער פון טאָג צו טאָג), וואָס זיי האָבען, אַבי קיין פירערשאַפט ניט אָפּגעבען און ניט מאַכען קיין ענדערונג אין די פּראָגראַמען, כאָטש זיי זיינען ניט אָנגעמבאַר, ניט באַ די עלטערען און ניט באַ די קינדער.

עד מתי? עד מתי? אויף דערויף בין איך ניט קיין נביא, איך זאָל קענען געבען דעם ריכטיקען ענטפער.

— אַלטער בוימאַן

# וואָלטן פויגעל קאָנען רעדן

פון א. סטיין

אָפט מאָל קוק איך אין מיין פענסטער
און זעה ווי פויגעל זיך דערנערען,
און עס ווילט זיך מיר אַמאָל זיי פרעגען,
זאָלען זיי מיר דאָס דערקלערען —

זאָגט מיר נאָר, איר פויגעל זיסע,
איר לעבט דאָך שטענדיג פריי,
צי איז באַ אייך דאָ קנאה, שנאה,
ווי באַ מענטשען? . . . .

צי דריקט איר אויך איינער דעם צווייטן —
ווער נאָר פון אייך עס איז דער שוואַכער,
ווי עס טוען עס די „באַנדע גענגסטער" —
מוסאָליני, און יאַפּאַן, און אַדאָלף היטלער? . . .

נאָר וואָלטען פויגעל קאָנען רערען,
וואָלטען זיי דערציילט געוויס,
אַז נאָר צווישען „מענטשען-פרעסער"
קאָן מען טרעפען אָט די „ווילדע חיות"!

## דער טאָג פון נקמה (יום נקם ושלם)

פון שלמה לייטמאַן

עס ברעכט זיך שוין דעם שונא'ס פינסטערע מאַכט —
ער הויבט אָן פאַרלירען די מלחמה;
אין מיליאָנען הערצער אַ האָפענונג ערוואַכט,
אַ גערעכטע ערוואַרטונג, צו נעמען נקמה.

ווען דער טאָג פון רעכענונג וועט קומען,
צי וועט זיך דאַן אַ וועכהאַרציגער געפינען
צו באַרעכטיגען די אַלטע לערע, הייסט —
„ניט פרעה זיך ווען עס פאַלט דיין פיינט"?

צי קען ווער וואַגען צו פאַרגעסען און פאַרגעבען
פאַר די מיליאָנען אומגעבראַכטע לעבענס ? . . .

דער גרויזאַמער שונא, וואָס האָט געבראַכט
אויף אונזער פאָלק, הונגער און נויט;
די מערדער, וואָס הייסען זיך באַצאָלען
פאַר אַ גרינגערען טויט . . .

אַט די בעסטיעס, וואָס צווינגען טאַטעס און זיהן
צו גראָבען אייגענע קברים,
און טעכטער הייליגע, דורך פיין געלייטערט —
ווי עס איז באַשריבען אין אַלטע ספרים —

גרופּענווייז, צוזאַמען,
אויף קדוש השם זיך פאַרסאַמען.

און מאַמעס — אידישע מאַמעס —
זייערע קליינינקע קינדער, ליעב און טייער,
מיט אייגענע הענט וואַרפען אין פייער.

אַט דאָס פאַרדאַרבענע פאָלק,
וואָס וואַשט זיך מיט זייף
געמאַכט פון מענטשענס פלייש און ביין,
איז אויף אייביג אומריין,

אומווירדיג און טמא
און פאַרדינט די שווערסטע נקמה.

פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט
פון קליינע קינדער, ערשט פון מוטער-טראַכט,
אַזאַ נקמה האָט נאָך דער טייוויל ניט צוגעטראַכט.

אַזוי האָט געשריבען ביאַליק,
און דאָס איז ריכטיג, דאָס איז הייליק.

## צו מיינע זין אין מיליטער

פון שלמה לייטמאַן

זאָל אייך, מיינע זין, ניט זיין צו שווער
די דינסט אין מיליטער.
ערפילט אייערע פליכטען וויליג,
מיט שטאָלץ און מיט פרייד,
און זייט צו אַלעם גרייט.

אויב אייך איז באַשערט
צו טראָגען אַ ביקס, צי אַ שווערד,
אָדער נאָר צו טרייבען אַ מאָדערנעם טענק,
איין זאַך, מיינע קינדער, געדענקט —
איר דאַרפט דאָס גוט באַנוצען,
אייער לאַנד און פרייהייט צו באַשיצען.

וואו איר זאָלט זיך ניט געפינען,
צי אין דער זאַמדיגער אפריקא
אונטער ברענענדיגע זונען,
צי אין ווייטען, קאַלטען אַלאַסקאַ,
צי ערגעץ אויף אַ אינדזעל
אין די סאָלאָמאָנס, ניו-גיני, אָדער קיסקאָ;
וואו איר וועט נאָך דעם שונא אָנטרעפען,
זאָלט איר אים באַזיגען און באַשטראָפען.

באַשטראָפען דעם בלוטיקען שונא,
וואָס מאַכט חרוב אַ וועלט;
באַשטראָפען דעם ווילדען שונא,
וואָס איז גרויזאַמער פון חיות אין וואַלד.

איך האָף, מיינע ליבע זין,
אַז געווינענדיג דעם קריג
און אויך דעם פרידען,
וועט איר זיך אהיימקערען צוריק
געזונטע און צופרידען;
און געפינען וועט איר אַ בעסערע וועלט,
אַ וועלט וואָס גרויסע איידעלע גייסטער
האָבען אויסגעטרוימט און זיך פאַרגעשטעלט.

אַ וועלט אַ פרייע —
פריי פון שרעק און מורא,
פריי פאַר יעדען צו דינען דעם בורא,
פריי פון הונגער, פריי פון נויט,
וואו יעדער וועט ערליך פאַרדינען זיין ברויט.

אַ וועלט, וואו יעדעס פאָלק, קליין צי גרויס,
ווי קינדער אין זייער טאַטע מאַמעס הויז,
וועלען לעבען רואיג יעדער אויף זיין אָרט,
און פריי בייטראָגען יעדערער זיין אייגען וואָרט.

אַ וועלט וואָס וועט אונז אידען,
אַלס באַלוינונג פאַר אונזערע גרויסע ליידען,
אומקערען אונזערע רעכט און פרייהייט,
און אונזער היימלאַנד אויפבויען מיט פרייהייט.

אַ וועלט וואָס וועט איינפירען דעם אַלטען שיינעם חלום,
פון אייביגען פרידען, אייביגען שלום.

צו דערשטיקן נאַציזם - קויפט מלחמה באַנדס און סטעמפּ

קאסטענס מיט קליידער זיינען אפגעשיקט געווארען. דאס הייסט דיפלאמאטיש-טאקטיש געהאנדעלט. פון דער „דזשואיש פיפעלס קאמיטע", וועלכע האט אמאל געטומעלט אויף דער אידישער גאס, איז דערווייל קיין זכר ניט געבליבען. זיי זיינען געווארען די אמת'ע אמעריקאנער פאטריאטען, אפילו פאר א „צווייטען-פראנט" מאכען זיי ניט קיין שטארקע גוואלדען. און וואס מער זיי שווייגען, אלץ מער הילף קריגט, און וועט קריגען, רוסלאנד (וואס זי האט כשר פארדינט) — אז מ'לעבט דערלעבט מען זיך! . . .

* * *

בא אונזערע טעמפלען האט זיך דאס יאר געדודערט — מ'האט גערופען אין שול-אריין. איין טעמפעל האט אפילו נעהאט א פרייסאג-צו-נאכט צו די „סוירוויסעס" אזוי פיל מענטשען פונקט ווי אום יום-כפור. וואס איז געשעהן, דער ראביי איז געווען א גוטער בעל-חשבון — ער האט אויסגערעכענט, אויב איין גלח ברענגט א פאר הונדערט מענטשען אין טעמפעל אריין, האט ער געבראכט דריי מיט אמאל; און ס'האט געארבעט — דער „קראוד" איז געקומען — און מ'האט „ענדזשאיט" א „סוירוויס".

א צווייטער טעמפעל האט געהאט א ספעציעלען טשערמאן, וועמעס ארבעט איז געווען צו ברייננען די „וואורשיפערס". און אזוי ווי דער טשערמאן איז זעהר א פריינדליכער מענטש, האט מען אים ניט געקענט אפזאגען. ער האט טאקע געשיקט אינטערעסאנטע בריוו, מיט ארטיסטישע קארטלעך אויך, און ער געווען מער-ווייניקער דערפאלגרייך.

דאס דריטע טעמפעל האט שוין א חזקה אויף קענען קריגען צייטענווייז א „קראוד" — און ס'האט דאס יאר אויך געארבעט. און ווייל איך האלט בא די „ראביים" מוז איך דא זאגען, אז איך האב היינטיקס יאר געלערענט, אז דעם „הפה שאסר, הוא הפה שהתיר", וואס דער באוואוסטער יל"ג האט אמאל געשריבען וועגען ארטאדאקסישע רבנים, פאסט זיך צייטענווייז אפילו פאר א מאדערנעם ראביי.

זעהסטו א „תיקון" האט דאס יאר געפונען די ארבעט פון פייערען אידישע ימים-טובים, און דוקא אין טעמפעל בית אל. דורך דער ארבעט פון ראביי וו. בדאודי איז געשאפען געווארען א ספעציעלער פאנד פאר פייערען די ימים טובים חנוכה, חמשה-עשר בשבט, פורים, און ל"ג בעומר.

* * *

דער קאמיוניטי סענטער אונזערער האט אויפגעלעבט. ניט חלילה געענדערט די פראגראם, נאר די ארבעט פון דער „רזשואיש וועלפעיר באארד" פאר די אידישע סאלדאטען און סיילארס האט געפונען א מקום מנוחה אין סענטער. און די פירער זיינען טאקע כמעט פון דעם קאמיוניטי סענטער — און זיי מאכען א ריכטיקען „דזשאב", זיי האבען זיך ניט וואס צו שעמען פאר די גיט-אידישע ארגאניזאציעס. און ס'קומען טאקע צו די אונטערנעמונגען זייערע אסך ניט אידען. זעהסטו, די פראגראמען פון דעם סענטער קען מען שוין אויף אויסווייניג — א ראביי, א זשורנאליסט, א האלבער זייאניסט, א לעקטשור וועגען „ראשיא", א אידישער קאנצערט. דער זעלבער עולם, אמאל מער, אמאל ווייניקער — דאס יאר אביסעל מער-ווייניקער — און ס'שלעפט זיך. וואס קען מען זיך העלפען, אז די קאנקורענץ איז גרויס! . . .

* * *

ס'וואלט שוין דאכט זיך געמעגט זיין גענוג פאר היינט, אבער איך קען זיך ניט העלפען, איך מוז דיר שרייבען וועגען אונזער „מזרחי" ארגאניזאציע וואס דו ביזט פאראינטערעסירט צו וויסען. ווי ס'ווייזט זיך, איז דאס מאל געקומען די „מזרחי" ארגאניזאציע „טו סטעי". מ'האט מיטינגען, און ס'קומען צייטענווייז טאקע מענטשען אויך צו די מיטינגען. די באאמטע זיינען ערנסטע מענטשען, גוטע ציוניסטען, און ארטאדאקסישע אידען זיינען בא אונז דא, וועלכע וואלטען געדארפט באלאנגען צו „מזרחי", און טאקע זיי אויסלערנען געבען אפאר דאלער פאר ארץ-ישראל, זיי מעגען באצאלען פאר דעם „ובא לציון גואל" און דעם „אם אשכחך ירושלים", וואס זיי זאגען. און קענען געבען, קענען זיי ב"ה. דערווייל האבען זיי נאך ניט געזידעלט די אנדערע ציוניסטישע גרופען, אפילו ניט די „הסתדרות" און ניט די פועלי ציון. מיר וואונטשען איר אריכת ימים.

דאכט זיך, מיין ליבער פריינט, דיר געענטפערט אויף אלע וויכטיקע פראגען, זאל נאר די ישועה שוין קומען וועסטו דעמאלט באקומען דעם ריכטיקען בריוו. דיין פריינט, ב. אלטער.

# א בריוו צום רעדאקטאר

חבר בוימאן, רעדאקטאר פון „פסח-בלאט":

ערלויבט אונז זיך צו באנוצען מיט דעם „פסח-בלאט" וועגען א וויכטיקען ענין, אין וועלכען מיר זיינען זיכער, אז די לעזער פון „פסח-בלאט" זיינען פאראינטערעסירט.

ווי אייך איז באוואוסט, האבען מיר לעצטענס געליטען א גרויסען פארלוסט אין טויט פון אונזער חשוב'ען חבר, הלל העסענפעלד", איינער פון די אנגעזעענסטע אידען פון אונזער שטאט, און א לעבענס-לאנג מיטגליד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און אן אקטיווער עקזעקוטיווע מיטגליד פון דעם היגען ציוניסטישען דיסטריקט.

דער היגער ציוניסטישער דיסטריקט האט דארום באשלאסען, צו עהרען זיין אנדענק אויף א וועג וואס זאל זיין פאסיג צום פארשטארבענעמס אידעען און אינספיראציעס: צו פלאנצען א וואלד אויף זיין נאמען אויף דעם נאציאנאל-פאנד באדען אין ארץ ישראל.

צו דערגרייכען דעם צוועק, האבען מיר ארויסגעלאזט אן אפיעל צו די מיטגלידער פון דעם ציוניסטישען דיסטריקט, צו סובסקרייבען אזוי פיל בוימער וויפיל יעדערער וויל, אין אנדענק פון דעם פארשטארבענעם חבר. דער פרייז פון א בוים איז א דאלער מיט פופציק ($1.50). אונזער ציעל איז צו דערגרייכען טויזענט בוימער, וואס וועט צו דער זעלבער צייט העלפען דעם נאציאנאל-פאנד, וועלכער איז אונז אלע היילים, און עס וועט זיין א כבוד פאר אונזער פארשטארבענעם חבר און פריינד.

מיר גלויבען אבער, אז מיר האבען ניט קיין רעכט זיך צו באגרעניצען מיט דעם אפיעל בלויז צו די מיטגלידער פון דעם ציוניסטישען דיסטריקט. דער חשוב'ער נפטר, הלל העסענפעלד, האט געהאט אסך פריינד אויסער דעם ציוניסטישען דיסטריקט, און אויך דער נאציאנאל פאנד האט אסך פריינד. דארום ווענדען מיר זיך דורך דער „פסח-בלאט" צו אלע לייענער, צו העלפען אונז פארווירקליכען דעם וויכטיקען פלאן. מיר מוזען געדענקען, אז אין אונזערע תביעות אויף ארץ ישראל ביים פרידענס-טיש וועט דער סכום באדען וואס מיר האבען אין ארץ ישראל האבען א גרויסע ווירקונג, און דארום איז די ארבעט פאר דעם נאציאנאל פאנד אין דער איצטיקער צייט זייער וויכטיק.

אין נאמען פון דעם פראווידענסער
ציוניסטישען דיסטריקט,
יהושע פולמאן
יהושע טשערניאק
קא-טשערמען פון דעם היגען
נאציאנאל פאנד קאונסעל

אלע געלדער זאלען געשיקט ווערען צו
CH. TEMKIN, 546 Wayland Ave., Providence, R. I.

* * *

מיר דרוקען דעם בריוו מיט דעם פולען באוואוסטזיין און מיט דער פולער צושטימונג, אז אונזער פארשטארבענער חבר און פריינד האט באמת פארדינט דעם כבוד פון פאראייביקען זיין נאמען. און קיין פאסיקערן אנדענק ווי דער נאציאנאל-פאנד האט סיי דער ציוניסטישער דיסטריקט און סיי זיינע פריינד ניט געקענט געפינען.

— רעד.

# תודה רבה

חברים און חברות פועלי ציון - צעירי ציון, און חברים און חברות פון אידיש-נאציאנאלען ארבעטער פארבאנד —

אייער „אינוועסטמענט", קרן קימת,
אייער פראצענט, פארשטארקטע ארבעט,
פאר אייער פריינדליכקייט,
א הארציקען דאנק.

— הערדי חיים

# אינטערעסאנטע נייעס

ארויסגענומען פון דער ארץ ישראל'דיקער ארבעטער צייטונג — „דבר"

## מען שענקט אוועק דירות צו פליטים

דער „דבר" ברייגנט פאלגענדע נייעס אין א באזונדער קעסטעלע אויף דער ערשטער זייט:

ווער וועט אים נאכטאן? מנחם יעמישלאנד איז גרייט איבערצוגעבן זיין וואוינונג אין כפר סירקין — א וואוינונג וואס באשטייט פון א צימער, א קיך, 5 דונאם באדן, מיט טילווייזע איינסטאלאציע און א שטייג מיט 20 עופות — צו א פאמיליע פון פוילישע פליכטלינגע וואס ווילן זיך באזעצן אין דארף. ער וויל נישט קיין דירה געלט אדער וועלכע עס איז באלוינונג פאר דער דירה. די וואוינונג וועט איבערגעגעבן ווערן דער פאראינטערעסירטער משפחה דעם 5טן מערץ. פאראינטערעסירטע זאלן זיך מעלדן אויפן פאלגענדן אדרעס . . . "

ווי איר זעט, באטראכט דאס דער „דבר" פאר אן ערשטן ארויספאר און לאדט איין אויך אנדערע צו שענקען זייערע דירות פאר די ברידער וועלכע האבן זיך דערשלאגן אהיים.

## 15 בר מצוה'ס פון פליכטלינג־קינדער

דער „דבר" ברייגנט נאך אן אינטערעסאנטע ידיעה:

„אין ירושלים איז דורכגעפירט געווארן א קאלעקטיווע בר מצוה פייערונג פון 15 קינדער וואס זיינען אנגעקומען פון טעהעראן. ערגעץ אונטערוועגס אויף זייער וואנדער־וועג, זיינען זיי אלע געווארן 13 יאר אלט. איצט, אנקומענדיק קיין ארץ ישראל, האבן זיי זוכה געווען אז דער גאנצער ישוב זאל מיטפייערן זייער בר מצוה. אין דער שול ישורון זיינען די בר מצוה אינגלעך אויפגערופן געווארן צו דער תורה, הרב עוזיאל האט זיי באגריסט און געוואונטשן אז דער ישוב זאל זוכה זיין צו האבן פון זיי א סך נחת. א סך פון די יונגע מיט־וואנדערער זיינען געוועזן בא דער דאזיקער שמחה."

## א בריוו פון א אידישער סאלדאטקע

א אידישע ארבעטער פרוי, וואס האט זיך אנגעשלאסן אן דער ספעציעלער פרויען ארמיי ווי נאר די דאזיקע ארמיי איז פארמירט געווארן, האט ערגעץ אויפ'ן פראנט־געביט געלייענט די שוידערלעכע נייעס פון אייראפא. און דארט, אין דינסט פונם קאמף קעגן די נאצים, האט זי זיך אוועקגעזעצט און אנגעשריבן א בריוו צום „דבר" וועגן דעם וואס זי האט געפילט און איבערגעלעבט ווען זי האט געלייענט די אויפשוידערנדיקע ידיעות פון נאצי אייראפא:

„עס האט מיר אנגעכאפט א גרויל ווען איך האב איבערגעלייענט די דאזיקע נייעס. איך לייען דעם לעצטן טעסטאמענט פון מיינע ברידער און איך קאן זיך נישט גלויבן אז דאס לייענען טאקע מיינע אויגן די טויט־בשורות. ווי קומט עס וואס ביים לייענען די דאזיקע ידיעות, שפרינג איך נישט אויף, רייס נישט די האר פון קאפ, רייס נישט די הויט פון זיך? בין איך דען געווארן א שטיין? אפשר קאן עס דער מח נישט אויפכאפן. זיינען מענטשן טאקע פייאיק צו באגיין די דאזיקע גרוילטאטן? איך בין ווי א פארוואונדעטע חיה. איך לייען די נייעס און דריי זיך אויס און קוק אויף מיינע מיטארבעטערינס, די טעכטער פון אן אנדער פאלק. ווי קאן איך זיי דערקלערן וואס איך לעב איבער?

„און פון וואנען נעמט מען כוחות דאס אלץ איבערצוטראגן? און מיר געוואוינען זיך צו, לערנען זיך אויס און פירן אויס נייע, שווערע ארבעטן: מיר פאריכטן אוטאס, מיר העלפן מיט טראנספארט, און די פרעמדע וואונדערן זיך — זעט נאר מיט וויפיל פלינקייט די אידישע פרויען טוען עס זייער ארבעט. עס וועלן קומען גאך נאך אונז. איך ווייס אז מיר זיינען די ערשטע, אבער נישט די לעצטע . . . איך ווייס אז עס מוזן קומען נאך . . . די אלע גרוילטאטן וועלן זיי נישט לאזן רוען און זיי ברייגען צו אונז . . . ס'איז אזוי גוט צו וויסן אז מיר אידישע פרויען קאנען אויך דינען מיט מיליטער און העלפן אונזערע מענער ווען זיי גייען אין שלאכט. נאר איין זאך איז א שאד — וואס אונז פרויען וועט מען נישט שיקן דירעקט אויפן פראנט צו קעמפן פנים על פנים מיטן שונא און אונז וועט נישט באשערט זיין צו שטילן אונזער נקמה־דורשט ווי עס וועט באשערט זיין אונזערע ברידער. נקמה? שרעקט אייך נישט, איך מיין טאקע נקמה."

## „קידנעפינג. . . ."

„פינף קינדער פון די טעהעאנער, וועלכע געפינען זיך אין דער מזרחי יוגנט היים אין ירושלים, זיינען מיטאמאל פארשוואונדן געווארן לעצטן דאנערשטיק. זיי האבן זיך געהאט געשפילט אין הויף פון דער היים. עס איז געווארן א זוכעניש, מען האט געזוכט, געזוכט, און ענדלעך געפונען. מען האט די פארשוואונדענע פינף קינדער געפונען אין די היימען פון עטלעכע מיטגלידער פון דער אגודת ישראל." אין ארץ ישראל, ווי איר זעט, רייסט מען זיך איבערן כבוד פון אויפפאסן אויף די קינדער פון פוילן.

מען גיט איבער אז אין די ארבעטער דערפער, וואו עס געפינען זיך פליכטלינג־קינדער, גייט אן א געיעג צווישן די איינגעבוירענע קינדער איבער דעם, ווער עס קאן צוטיילן מער כבוד די אריבערגעקומענע. און אז מען וויל א קינד פון אן ארבעטער ישוב באשטראפן פאר שלעכטער אויפירונג אין קלאס, דארף מען אים בלויז זאגן אז יענעם טאג וועט ער נישט טארן זיך שפילן מיט די פליכטלינג־קינדער.

# די פועלי־ציון

**ווארום דארף יעדער פראגרעסיווער איד, וועלכער וויל זעהן א שענערע וועלט און אז ארץ ישראל זאל ווערן די אידישע היימלאנד פון דעם גאנצן אידישן פאלק, זיך אנשליסן אין די פועלי ציון**

דער פאר וואס די פועלי ציון פארטרעטן נישט ארץ ישראל גלאט אין דער וועלט אריין, נאר זיי האבן אין זינען די עצם פארווירקלעכונג פון ציוניזם. עס גייט וועגן די קאנקרעטע פראגן וואס זיינען פארבונדן מיטן אויפבוי אין ארץ ישראל. עטלעכע דורות אידישע אויפבוי־ארבעט אין ארץ ישראל, פיל צענדליקע ישובים און טויזנטער העלדן־קברים, זאגן עדות וועלכער טייל פון דער ציוניסטישער באוועגונג איז דער רעזערוואואר פון די אייגנשאפטן, אן וועלכע דער ציוניזם וואלט נישט געקומען צו זיין איצטיקער וואגיקער פאזיציע אין אידישן פאלק און אין ארץ ישראל.

פארשטייט זיך, אז וואס נאענטער מיר קומען צו דער פארווירקלעכונג פון ציוניזם, אלץ אקטועלער ווערן די סאציאלע און עקאנאמישע פראבלעמען פון ארץ־ישראל־אויפבוי. מיר ווילן נישט קיין ארץ ישראל וואס זאל זיין א קאפיע פון א צעפוילטער וועלט, וואס מיר זעען אין איר חורבן און איר חרפה. מיר ווילן, אז ארץ ישראל זאל זיך בויען ווייטער לויט די ליניעס וואס זיינען אנגעצייכנט געווארן דורך דער מי און מסירת־נפש פון אונזער חלוצ'ישער ארבעטערשאפט אין משך פון קרוב צו פיר צענדליק יאר. מיר ווילן, אז עס זאל אפגעהיט ווערן און אויסגעברייטערט ווערן דער קאאפעראטיווער יסוד פון אונזער ווירטשאפט, אז ארץ ישראל זאל זיך אויך ווייטער אויסצייכענען אלס דאס לאנד פון דער קבוצה, פון דעם קאאפעראטיוו, פון זעלבסט־ארבעט, פון פארווירקלעכטער גערעכטיקייט און גלייכקייט. דאס וועט נישט קומען פון זיך אליין. אין ציוניזם דארף געשאפן ווערן א שוץ־וואנט ארום די דאזיקע סאציאלע דערגרייכונגען פון דער ארץ־ישראל'דיקער ארבעטערשאפט. איר סאציאל־עקאנאמישע פראגראם דארף ווערן די פראגראם פון גאנצן ציוניזם, פון דער אידישער „קאמאנוועלטה".

נאך מער, די פועלי ציון שטרעבן אז דאס אלגעמיינע לעבן איבער דער גאנצער וועלט, און דאס אידיש־געזעלשאפטלעכע לעבן, זאל זיין געבויט אויף דעמאקראטישע יסודות, נישט איבערלאזן דאס אידישע לעבן אין די הענט פון די וועלכע זיינען צו קיינעם נישט פאראנטווארטליך.

# א שפּאַציר איבער אונזערע אידישע פילאַנטראָפּישע און הילף אינסטיטוציעס

פון בן מאיר

## דער מושב - זקנים

די מלחמה וואָס מיר לעבען דורך, האָט געווירקט אויף אַלע טיילען פון דער באַפעלקערונג, אַפילו די עלטערע לייטע ליידען אויך, אויב ניט דירעקט איז אונדירעקט. דער מושב־זקנים האָט איצט אַפּליקיישאַנס פון 15 עלטערע מענער און פרויען, וועלכע וואָלטען געדאַרפט אריינגענומען ווערען, אָבער ס'איז ניטאָ קיין פּלאַץ. די בעאַמטע און די דירעקטאָרען האָבען שוין געמאַכט אַלע נויטיקע פּלענער צו פאַרגרעסערען דעם מושב־זקנים, מיט ניט ווייניקער ווי 32 בעטען, וואָס וואָלט געמיינט, אַז 32 עלטערע מענטשען וואָלטען געפונען אַ מקום מנוחה פאַר זיך אויף אויסצולעבען די יאָרען אָן זאָרג פאַר דעם מאָרגען. אָבער די רעגירונג האָט געפונען פאַר נויטיק אָפּצוזאָגען „פּרייאָריטי" אין דער איצטיקער צייט. דער „אַל תשליכנו לעת זקנה" איז געוואָרען ווידער אַ פּראָבלעם באַ אונז אין שטאָט. עס ווילט זיך האָפען, אַז די מלחמה וועט זיך גיך ענדיגען, און אין גיכען וועלען די פירער פון דער „האָום" קענען רעאַליזירען זייערע פּלענער פון קענען געבען אַ „היים" צו די וואָס נויטיקען זיך אין דעם, אויף אָן אמת־אידישען וועג — ווי זיי טוען האָט איצט צו די פופציק עלטערע מענער און פרויען וואָס געפינען זיך אין דער „האָום".

## מרים - האָספּיטאַל

אַ שווער־שווער יאָר האָט געהאַט דער „מרים האָספּיטאַל". ערשטענס, ניט קענענדיג אריינגעמען אַלע וואָס האָבען געוואָלט, און געדאַרפט אריינקומען. צווייטענס — און אפשר טאַקע דער עיקר — איז די נוירסעס פראַגע. די הונדערטער נוירסעס, וואָס זיינען אַוועקגעגאַנגען אין דער אַרמעע, האָט געמאַכט די לאַגע פון אַלע האָספּיטאַלס — און ספּעציעל די קלענערע האָספּיטאַלס, וואָס האָבען ניט קיין סקוהל פאַר נוירסעס — זייער אַ שווערע. די מענעדזשמענט האָט געהאַט אַ שווערע פּראָבלעם. דערווייל קען מען מיט רעכט זאָגען, אַז אַלעס מעגליכעס, אַלץ וואָס איז געווען אין מענטשליכען כח, איז געטאָן געוואָרען אַז די קראַנקע זאָלען ניט ליידען. מ'קען מיט רעכט זאָגען, אַז די „עמערדזשענסי" איז באַגעגענט געוואָרען מיט דער פולער פאַראַנטוואָרטליכקייט, ניט קוקענדיג וואָס ס'איז ניטאָ נענוג דאָקטוירים און נוירסעס.

## די צוויי גמילת - חסדים

מיט רעכט קענען זאָגען די וואָס שטעהען סיי באַ דעם גמילת־חסד אָף פּראָווידענס און אויך די וואָס שטעהען באַ דעם סאָוט פּראָווידענס גמילת־חסד, אַז ניט נאָר האָבען זיי פאַרגרעסערט זייער אַרבעט — מ'גיט אַרויס גרעסערע הלואות; נאָר די פירונגען, סיי באַ די מיטינגען, ווען מ'גיט אַרויס די הלואות, און אויך די יעהרליבע מיטינגען, ווי אַזוי זיי ווערען געפירט, איז באמת אַ כבוד פאַר אַזוינע וויכטיקע אינסטיטוציעס ווי די צוויי גמילת־חסדים'ס. שוין אַוועק די צייט פון גלאַט טומלען, מאַכען גוואַלדען . . . אַלעס ווערט געטוהן אויף אַ אידיש־מענטשליכען וועג. הלואות ווערען אַרויסגעגעבען באַ דעם גמילת־חסד אָף פּראָווידענס ביז פיר הונדערט דאָלער, און באַ דעם סאָוט פּראָווידענסער גמילת־חסד ביז צוויי הונדערט דאָלער. די צאָל מיטגלידער האָט זיך פאַרגרעסערט לעצטען יאָר, און דער פּראָפיט פון לעצטען יאָר, וואָס איז געמאַכט געוואָרען באַ ביידע גמילת חסדים'ס, ווייזט אַז די דירעקטאָרען און די בעאַמטע פאַרשטעהען די וויכטינקייט און דעם חוב וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען זייענדיק די פירער פון אַזעלכע וויכטיקע אינסטיטוציעס.

## דער פרויען גמילת - חסד

שטיל, באַשיידען טוען די פרויען, אויף אַ קלענערען מאַסשטאַב, זייער אַרבעט, וועלכע איז אָבער זייער וויכטיק, ווייל מיט זייערע קליינע הלואות האָבען זיי פיעל מאָל געראַטעוועט בכבודיקע מענטשען פון ניט דאַרפען אָנקומען צו טשאַריטי אינסטיטוציעס. דער פרויען גמילת־חסד ראַטעוועט באמת מענטשען אין דער לעצטער מדרגה פון פאַרלאָרען געהן. זיי פאַרדינען די שטיצע אין זייער וויכטיקער אַרבעט, פון יעדען רעכט־דענקענדען מענטשען.

## דער קינדער קעמפּ

ניט לאַנג, נאָר איין יאָר, איז קעמפּ „זשארי" געווען אָפען פאַר אַלע קינדער וואָס נויטיקען זיך אין „וואַקיישאַן", אָבער די צופרידענהייט מיט וועלכע די קינדער זיינען אַהיים געקומען פון קעמפּ, דאָס וואונדערבאַרע שיינע פּלאַץ וואו דער קעמפּ געפינט זיך, די אַטמאָספערע, די באַציאונג פון די מענטשען, וועלכע זיינען קאָמפּעטענט אין זייער אַרבעט ווי אָנצוגעהן מיט קינדער, דאַרף מאַכען פילען שטאָלץ די פירער פון קעמפּ „זשארי". ס'ווילט זיך האָפען, אַז זיי וועלען פאָרזעצען זייער אַרבעט אויפ'ן זעלבען וועג ווי זיי האָבען געמאַכט די התחלה.

## די „דזשואיש וועלפער און טשילדרען סוירוויס"

די „דזשואיש וועלפער סאָסייעטי", זינט זי האָט איבערגענומען די אַרבעט פון דעם געוועזענעם „בית־יתומים", האָט געמוזט בייטען דעם נאָמען. און מיט דעם בייטען דעם נאָמען האָט זי איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אכטונג געבען, אַז די קינדער וואָס דאַרפען אָנקומען צו אַ „פאָסטער־האָום" זאָלען קריגען אַ פּאַסיקע היים. און פּונקט ווי די אַרבעט האָט זיך פאַרגרעסערט אין אַנדערע דעפּאַרטמענט, ווי אין דעם „סוירוויס דעפּאַרטמענט", אַזוי האָט זיך צו דער זעלבער צייט אויך דער פּרעסטידזש פון דער סאָסייעטי פאַרגרעסערט. פּינקטליכקייט, שנעלע הילף, „ריאַביליטיישאַן", איז געוואָרען די מאָטאָ פון דער סאָסייעטי.

## די ליידיס יוניאָן אייד און די סאַוט פּראָווידענס ליידיס אייד

די אַרבעט פון די צוויי פרויען סאָסייעטיס ווערט אַנערקענט אַלס וויכטיג, אין דער צייט ווען עס זיינען נאָך דאָ פאַמיליעס וואָס גלויבען אין „מתן־בסתר"; ספּעציעל ווען עס קומט צו העלפען אַ „נעיבאָר" וואָס וואָלט פיעל מאָל געליטען מיט דער פאַמיליע און זיך ניט געמאָלדען צו אַ טשאַריטי אינסטיטוציע. זיי האָבען אויך געמאַכט אַ גוטען שריט — די פירער פון דער סאַוט פּראָווידענס ליידיס־אייד — מיט דעם וואָס זיי האָבען איינגעפירט אַ גמילת־חסדים אויף אַרויסצוגעבען קליינע הלואות, ווי 25-15-10 דאָלער. זיי נעמען אויך אָן אייגטייל אין אַלע אַנדערע אַרבעטען וואָס קומען פאַר באַ אונז אין שטאָט, פאַר וואָס זיי ווערען רעספּעקטירט באַ אַלעמען.

## דער חסד של אמת

איך ווייס ניט וויפיל אַרבעט דער „חסד של אמת" האָט טאַקע מיט דעם וואָס עס מיינט „חסד של אמת", אָבער דערפאַר דער רעקאָרד וואָס ער האָט זיך געשאַפען אויף לעבעדיקע געביטען — מיט העלפען אינסטיטוציעס וואָס עקזיסטירען און דאַרפען מאַטעריעלע הילף, ווי די תלמוד־תורות, קאָמיוניטי פאָנד, הכנסת אורחים, גמילת חסדים, מושב־זקנים, א. א. וו. נאָך מער, מיט דער הילף וואָס ער גיט צו דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיעל", „אָרט", „געווערקשאַפטען קאַמפּיין", א. א. וו., האָבען די בעאַמטע און דירעקטאָרען אַ רעכט צו שטאָלצירען. נאָך אייניקע קליינע אויסבעסערונגען, וואָס מ'דאַרף, און מ'מוז וואָס גיכער דורכפירען — און ס'ווילט זיך האָפען אַז זיי וועלען געמאַכט ווערען — וועט דער היגער חסד של אמת קענען זיין אַ מוסטער פון גוטער אַרבעט פאַר גאַנץ ניו־ענגלאַנד.

ליינגער. די אידן דאגעגן פאסטוכער האבן געפייערט זייער ניי־יאר תשרי, ווען די טעג זיינען געווארן קורצער און די נעכט לייננער. די וואס ציילן נאך דער זון הויבן אן זייערע ימים טובים מיט זונען אויפגאנג, פייערן א יום טוב פון פרימארגן ביז פריי־מארגן; די וואס ציילן נאך דער לבנה, פייערן זייערע ימים טובים מערב עד ערב, פון זון פארגאנג ביז זון פארגאנג. הייסט דאס, אז גאר אמאל, איז תשרי געווען אנהויב פון יאר, און דאס איז קיינמאל ניט פארגעסן געווארן, ווייל אפילו ווען די תורה רופט אן תשרי דעם זיבעטן חורש, גיט זי צו „בצאת השנה" און „לתקופת השנה". ווען די אידן זיינען ארויס פון מצרים, איז תשרי פארביטן געווארן מיט ניסן — דער וויכטיקסטער חודש, ווען אירן זיינען געווארן א פריי פאלק — און נאך היינט איז דאך יעדער יום טוב און אפילו שבת פארבונדן מיט זכר ליציאת מצרים. שפעטער, ווען עס איז געווען א מורא אז די אידן וועלן זיך אויסמישן מיט אנדערע פעלקער און מען האט געזוכט מיטלען ווי אזוי אפצוזונדערן, האט מען ווידער, טאקע שטיצנדיק זיך אויף דער תורה, איינגעפירט צו פייערן ראש השנה אין תשרי.

פארוואס איז טאקע אלעס אזוי אייננ פארבונדן מיט יציאת מצרים? ווייל דאס איז געווען א געשעעניש פון דער גרעסטער וויכטיקייט אינ'ם לעבן פונ'ם אידישן פאלק, און אפשר טאקע פונ'ם לעבן פון אלע אנדערע פעלקער איבער גאר דער וועלט. דאס איז געווען דער ערשטער קאמף אין דער וועלט פון א פאלק פאר זיין פרייהייט, נאכדעם ווי דאס פאלק איז איבער צוויי הונ־דערט יאר געווען פארשקלאפט פון טיראנען און דעספאטן. דער יום טוב הייסט דאך „זמן חרותנו". דאס איז געווען די גרעסטע געשעעניש אין דער וועלט געשיכטע.

דרך אגב, איז ווערט צו באמערקן, אז: א) דער ערשטער אנזאג פון פייערן ימים טובים אין דער תורה, איז צו פייערן אט דעם יום טוב, און ב) צו פייערן אים אין דער היים מיט דער גאנצער משפחה. א פאלק איז נאר דאן שטארק, ווען די משפחה האלט זיך צוזאמען געבונדן, ווען דאס הויז איז א היים, און ווען יעדע היים פייערט דעם יום טוב אויפ'ן זעלבן שטייגער.

און נאך איין באמערקונג: די ערשטע דברה, וועלכע שליסט אין זיך איין דעם עצם מהות פון אידישקייט, דאס גלויבן אין איין גאט, איז פארבונדן מיט יציאת מצראים. מיר אידן, ניט נאר גלויבן מיר אין איין גאט און אז ער האט באשאפן אלעס וואס איז דא, נאר מיר גלויבן אויך אז ער פירט די וועלט און אז מיר, מענטשן, דארפן שטרעבן צו באהעפטן זיך מיט אים דורך דערגריכן צו שלימות. אין צייטן פון עקסטאז, פון אויסערגעוויינליכע איבערלעבונגען, ווי דאס איז געווען בעת יציאת מצרים, דערפילט מען אין זיך די טיפסטע פארבינדונג מיט דעם אלמעכטיקן, דאס הארץ ווערט פול מיט ליבע און רחמנות. באהעפטן זיך מיט גאט קען מען נאר מיט נעפיל און עלית נשמה קומט מיט אויסערגעוויינליכע פאסירונגען; נאר דאן דערפילט מען אין זיך גאט דעם אל חי, ווי א לעבעדיקע ווירקלאכקייט.

---

בערל סיגאל

# ∴ וועמען פון זיי? ∴

(צוויי בילדער)

## 1

זיי זיינען געקומען אין שפיטאל אריין אין איין טאג. זיי זיינען געלעגן א בעט לעבן א בעט. איינער האט געהייסן אפרים, דער אנדערער האט געהייסן מעקס.

— ווי אלט זייט איר, אפרים?

האט אפרים זיך צעלאזט מיט בײדע הענט און דערציילט א גאנצע מעשה אנשטאט צו ענפערן מיט אייןווארט אויף דער פראגע.

— אויף געוויס מיינע יארן ווייס איך ניט. נאר מיט א יאר זעקס זיבן צוריק, פונקט ראש חודש ניסן, איז מיר דער טאטע מיינער, זכרונו לברכה, געקומען צו חלום און האט מיר געזאגט: זאלסט וויסן, מיין זון, אז היינט ווערסטו פיר און פופציג יאר אלט. און ביז וואס ווער ווען איז דער טאטע פארשווינדן מיט א לולב אין דער האנט, אנגעטון אין א קיטל.

— אבער ווי אלט זייט איר פארט, רב אפרים?

איז רב אפרים ברוגז געווארן. וואס דער דאקטאר איז אזוי אומגעדולדיג און האט זיך צעבייזערט:

— אז איר לאזט מיר ניט אויסריידן. אט קום איך דאך דערצו. אז מיט א יאר זעקס זיבן צוריק האט מיר דער טאטע אין חלום אנגעזאגט אז איך ווער פיר און פופציג יאר אלט, קענט איר דאך שוין אליין אויסרעכענען ווי אלט איך בין.

מעקס האט געוואוסט פינקטליך דעם טאג און דעם חודש און דאס יאר פון זיין געבורט. ער האט געענטפערט קורץ און צו דער זאך אויף אלע פראגעס, און אין א פאר מינוט איז דער דאקטאר מיט אים פארטיג געווארן.

אפרים'ס פראגע בוינן איז געבליבן ניט פארענדיגט. מען האט ניט געקענט דערגיין ביי אים קיין קלארן ענפער.

אז זיי זיינען בעסער געווארן און שוין געקענט א ביסל אראפגיין פון בעט, האט אפרים זיך געהייסן ברייגנען זיין טלית און תפילין און איז אזוי אפגעזעסן אין טלית און תפילין ביז מען האט אים צוריק אריינגעטריבן אין בעט אריין.

מעקס האט זיך צוגעכאפט צו א טעלעפאן און האט זיך נאכגעפרעגט וואס עס האט זיך אפגעטון אויף דער וועלט אין דער צייט וואס ער איז געווען קראנק. וועלכעס פערדל האט געוווינען און וועלכעס איז ניט דערלאפן? וועלכעס פערדל לויפט היינט, און וויפיל וועט עס צאלן? אזוי האט ער זיך צוריק אריינגעלעבט אין דער וועלט פון פערד רייסעס ביז מען האט אים אוועקגעשלעפט פון טעלעפאן און צוריק אריינגעלייגט אין בעט אריין.

אפרים און מעקס. וועמען פון זיי וואלט איר געוואלט האבן פאר א שכן?

---

## 2

זיי זיינען בײדע געשטאנען ביים פענסטער פון פאסט אפיס און געווארט מיט פעקלעך אין די הענט.

איינע איז געווען נומער זיבן און די אנדערע נומער אכט פון פענסטערל. זאגט די פרוי נומער זיבן:

— מיין זון שרייבט מיר אז ער האט אלץ וואס ער וויל נאר צום עסן און טרונקען. נאר אויב איך וואלט אים צוגעשיקט עפעס וואס זאל אים דערמאנען אין דער היים וועט דאס ביי אים זיין די בעסטע מתנה אין דער וועלט. שיק איך אים אלע חודש א פעקל היימישע צייטונגען. ווען איך זאל נאר וויסן אז די קינדער אונזערע וועלן צוריק קומען צו א שענער לעבן, א זיכער לעבן, אן מורא פאר א נייער מלחמה, וואלט איך שוין איבערגעטראגן מיינע בענקענישן און מיין הארץ קלעמעניש מיט ליבשאפט.

רופט זיך אפ פרוי נומער אכט:

— אכט יאר האבן מיר אים געשיקט אין די בעסטע קאלעדזשעס. עס האט אפגעקאסט א פארמעגן. דערנאך געעפנט אן אפיס. דעם שענסטן אפיס אין שטאט. איצט שטייט דער אפיס ליידיק. דער דאקטאר אריבער דער גאס נעמט צו אלע פאציענטן, און מיין זון וואלגערט זיך ערגעץ אין א שפיטאל אין אריזאנא. א פארמעגן האבן מיר אויסגעגעבן צו מאכן אים פאר א דאקטאר. און זאגט מיר — צו וואס, פאר וועמען?

פרוי נומער זיבן און פרוי נומער אכט. וועמען פון זיי וואלט איר געוואלט האבן פאר א שכנה?

---

**א בייטראג צום געווערקשאפטן קאמפיין איז א ציגל צו דער געביידע „אידישע היימלאנד אין ארץ ישראל" - גיט אזעלכע ציגל וואס מער.**

# פראָווידענסער פסח-בלאַט

אַרויסגעגעבן פון

פועלי ציון-צעירי ציון　　פרויען פיאָנערן קלוב

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

אַלטער בוימאַן, רעדאַקטאָר


## דער הײנטיקס-יאָריקער קאַמפּיין

די הערצאישע. אַרבעט פון דער הסתדרות די גאַנצע צייט, און דאָס לעצטע יאָר בפרט, פאָדערט פון אונז זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג, און פרעגען זיך זעלבסט — צי שאַצען מיר אָפּ ריכטיג די אַרבעט פון דעם ישוב אין ארץ-ישראל בכלל און פון דער הסתדרות בפרט. דער רעקאָרד פון „בויען און פאַרטיידיקען", וואָס די הסתדרות האָט זיך געשאַפען, איז איצט, דורך דער צייט פון מלחמה, פאַרגרעסערט געוואָרען, ניט נאָר מיט שיקען מער ווי 20 טויזענט וואָלונטירען אין דער אַרמעע פון דער אַקטיווער מיטגלידערשאַפט, נאָר אויך מיט דעם זאָרגען פון פאַרגרעסערען די עליה, און דער עיקר, מיט ראַטעווען וואָס מער אידען פון די לענדער וועלכע זיינען איצט אונטער דער אכזריות'דיקער היטלער הערשאַפט, און צו דער זעלבער צייט ניט אָפּשטעלען זיך פון פאַרגרעסערען די אַרבעט אויף אַלע אַנדערע געביטען, און דער עיקר אין דער אַגריקולטור אונטערנעמונג.

יאָ, די הסתדרות האָט די מאָראַלע רעכט צו פאָדערען פון די אַלע וואָס סימפּאַטיזירען מיט איר אַרבעט, און ספּעציעל פון די וואָס סאָלידאַריזירען זיך מיט איר פּראָגראַם פון אויפבויען אַ אידישע היים-לאַנד אויף די יסודות פון יושר און גערעכטיקייט, און זיי רופען צו ממשות'דיקער מיט-אַרבעט אויף אַלע געביטען, און ספּעציעל אין העלפען טראָגען די פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטליכקייט, פאַר וואָס דער קאַמפּיין ווערט אָנגעפירט.

## דער דריטער סדר

דער באַוואוסטער רעדנער און שרייבער, מאָריס סעמועל; די באַוואוסטע ציוניסטישע פירערין, מיסעס אַרטשיבאַלד סילווערמאַן; די מוזיקאַלישע פּראָגראַם מיט דעם באַוואוסטען אַרטיסט, צבי סקולער, און די אָנערקענטע באַוואוסטע זינגערין, מאַשאַ בעניא, איז די גרעסטע פאַרזיכערונג אַז דער הײנטיקס יאָריקער „דריטער סדר" וועט זיין דער גייםטיקער ערפאָלג וואָס מיר דערוואַרטען. און די אַלע וואָס פאַרשטעהען די וויכטיקייט פון אַזאַ פייערונג, און פאַרשטעהען ווי אָפּצושאַצען אַזאַ רייכע פּראָגראַם, וועלען טון אַלעס וואָס נאָר מעגליך צו קומען צו דעם „דריטען סדר" פייערונג.

## גאולת-הארץ — דער נאַציאָנאַל פאָנד

דער נאַציאָנאַל פאָנד איז דער איינציקער פאָנד וועגען וועלכען ס'איז ניטאָ קיין חלוקי-דעות. אַלע פאַרטייען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַלע גרופּען, אַלע שיכטען פון דעם אידישען פאָלק זיינען פאַראייניגט בדעת, אַז ארץ-ישראל וועט נאָר דעמאָלט זיין דאָס לאַנד פון דעם „עם ישראל" ווען דער גרעסטער טייל פון דעם באָדען וועט באַלאַנגען צום אידישען פאָלק. דאָרום איז די אַרבעט פאַר גאולת-הארץ ניט אָפּגעשטעלט געוואָרען אַפילו דורך דער צייט פון מלחמה. און דאָס אויסלייזען פון דעם באָדען האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט די גאַנצע צייט. און וואָס אַ יאָר, ווערט די הכנסה פון דעם נאַציאָנאַל-פאָנד פאַרגרעסערט.

יאָ, ס'איז אַ פאָנד פון דעם פאָלק פאַר דעם פאָלק.

## דער בלומען-טאָג

דער אמת מוז געזאָגט ווערען, און דאַרף געזאָגט ווערע. אַז די „יוגענד", וועלכע האָט אויף זיך גענומען צו מאַכען דעם בלומען-טאָג פאַר אַן ערפאָלג לעצטען יאָר, האָט קיין סך ניט געטון. אָבער ס'ווילט זיך האָפען, אַז הײנטיקס יאָר וועלען זיי פאַרשטעהן אַז דער „אם אין אני לי מי לי", מיינט די יוגענד מער ווי אַלעמען. און ס'ווילט זיך גלויבען, אַז די יוגענד וועלכע גלויבט אין ארץ-ישראל, וועלען טון דאָס יאָר זייער חוב און העלפען מאַכען דעם בלומען טאָג דעם ערפאָלג וואָס ער פאַרדינט צו זיין.

— אַלטער בוימאַן

---

אוטאָריטעט" פון דער הסתדרות, באַמיט זיך אויפצושטעלן נייע קאָאָפּעראַטיוו הייזער און אויף אַזאַ אופן לייזן כאָטש אויף אַ קליינער מאָס דעם מאַנגל פון דירות. די מאַקס פיין פאַך שולע און די אַנדערע טריינירונגס צענטערן פון דער הסתדרות בילדן אויס הונדערטער אַרבעטער און יונגעלייט, וועלכע פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די וועלכע גייען צום פראָנט און האַלטן אָן די אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע אַנטוויקלונגען פון לאַנד. „קופּת חולים", די אַרבעטער קראַנקן קאַסע, באַזאָרגט דעם געזונטהייטס צושטאַנד פון איבער 200 טויזנט נפשות, איינגעשלאָסן די פאַמיליעס פון די סאָלדאַטן, וועלכע געפינען זיך אויפ'ן פראָנט. די אַרבעטער באַנק שטייט סאָליד און זעצט פאָר אירע קרעדיטן פאַר אַלע אַרבעטער אונטערנעמונגען. „אווירון", די אוויאַציע שולע פון דער הסתדרות און דער אידישער אַגענטור, בילדן אויס פּיילאָטן און טעכניקער.

צו דער זעלבער צייט הערט אויך נים אויף די עליה קיין ארץ ישראל. צענדליקע און הונדערטער פון אונזערע עולים און פּליכטלינגע טראָגן זיך צום אידישן היימלאַנד און ווערן חבר'ש אויפגענומען דורך דער הסתדרות און ווערן באַזאָרגט מיט אַרבעט אין שטאָט און אין דאָרף.

אַזוי לעבט, קעמפּט און שאַפט דער אידישער ישוב פון ארץ ישראל און זיין אַוואַנגאַרד — דער אידישער אַרבעטער, אינמיטן פון מלחמה, אויסגעוויזן צו סכנות פון אויסן און שוועריקייטן פון אינעווייניק, ווערט אָבער די אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט אויף קיין איין מינוט. נייע ישובים, נייע געביידעס, נייע איינוואַנדערער, און וואָס מער קעמפער אויפן פראָנט און געטרייע פאַרטיידיקער פון דעם היימלאַנד. „מיר זיינען נייגעריג צו בויען און צו קעמפן", ווערט געזאָגט אין דער קייבל מעסעדזש וואָס די הסתדרות האָט צוגעשיקט. „מיר פאָדערן אָבער אַז דער אַמעריקאַנער יודנטום זאָל געבן אַלץ וואָס ער קאָן צו באַפעסטיקן און אַנטוויקלען די גרויסע אַרבעט פון אידישער באַפרייאונג."

אָט דער רוף וועט מיטן גאַנצן האַרצן אויפגענומען ווערן דורך די הונדערטער טויזנטער פריינט פון דער הסתדרות, וועלכע וועלן מיט פאַרדאָפּלטע כוחות און פאַרגרעסערטע ענערגיע ווייטער פאַרזעצן זייער אַרבעט, און צוזאַמען מיט אונזער מחנה אין ארץ ישראל אויסקעמפן פאַר דעם אידישן פאָלק דאָס רעכט צו לעבן גלייך מיט אַנדערע פעלקער אין אַ באַפרייטער און גליקלעכ. וועלט.

# די ראָלע פון דער הסתדרות אין אויפבוי און פאַרטיידיקונג פון ארץ ישראל

פון א. העמלין

נאַציאָנאַלער סעקרעטאר פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין

---

א געפיל פון קדושה און אחריות מוז איצט ארומנעמען יעדן חבר און פריינט, ווען מ'טרעט צו צו אן אקציע פאַרן ארבעטענדן ארץ ישראל. פליכטס־באוואוסטזיין פאַר די וועלכע געפינען זיך מעבר לים, און די אנטשלאָסנהייט אויפצובויען ארץ ישראל אלס רעטונגס פּלאַץ פאַר אונזערע פליכטלינגע, אלס היים פאַר אונזער גאַנצן פאָלק.

די אידישע טראַגיק האָט דערגרייכט איר העכסטע מאָס. דער בעכער פון אידישע טרערן און אידיש בלוט איז איבערפילט. אונזערע היימען און לעבנס אין אייראָפּעאישן גהינם, ברוטאַל צושטערט און פאַרניכטעט. און צו דעם ווערן אונזערע יסורים נאָך מער פאַרגרעסערט דורך דער גלייכגילטיקייט וואָס הערשט אפילו אין די דעמאָקראַטישע לענדער צו דעם גרויסן אומגליק וואָס איז באַפאַלן אונזער פאָלק.

אָפּגעבנדיק זיך אן ערנסטן דין וחשבון, מוזן מיר שעפּן מוט און קוראַזש פון די אוראַלטע קוואַלן פון דער אידישער געשיכטע, און באַזונדערס פון אונזערע אלטע, אמת'דיקע ווערטער: „אם אין אני לי מי לי" — אויב מיר וועלן פאַר זיך ניט זאָרגן, ווער וועט פאַר אונז זאָרגן? דער פּנים אונזעדער דאַרף איצט זיין געווענדעט צו דעם יודנטום פון אמעריקע, צו די אידישע מאַסן, און פון זיי מוזן מיר פאַרלאַנגען מער אָפּפערווויליקייט און פיל גרעסערע מעשים ווי דאָס איז, ווען עס איז געווען אין דער געשיכטע פון אמעריקאַנער אידנטום.

און נאָך מער ווי ווען עס איז פריער אין דער געשיכטע מוז געשטאַרקט ווערן די בוי ארבעט אין ארץ ישראל — דאָס לאַנד וועלכע האָט אריינגענומען איבער א האַלבן מיליאָן אידן זינט דער לעצטער וועלט מלחמה, דאָס לאַנד וועלכע איז מסוגל צו ראַטעווען נאָך מיליאָנען פון אונזער פאָלק און געבן זיי א היים, זעלבסט־ווירדע, און א גלייכן סטאַטוס צווישן די באַפרייטע פעלקער פון דער וועלט.

דער שטאָלץ און די טרייב־קראַפט פון ישוב איז, נאַטירלעך, די הסתדרות, די פעדעראַציע פון די אידישע ארבעטער און חלוצים אין ארץ ישראל, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן מיט 4,000 מיטגלידער אין 1920 און דערגרייכט שוין איצטער די צאָל פון 133,000 מענער, פרויען און ארבעטנדע יוגנט. צוזאַמען מיט זייערע משפּחות, רעפּרעזענטירט די הסתדרות כמעט א העלפט פון דעם גאַנצן ישוב אין ארץ ישראל. די מעשים פון דער הסתדרות רעדן פאַר זיך אליין און זיינען שוין א באַקאַנטער פאַקט פאַר אלע די וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דעם אויפבוי פון ארץ ישראל. עס איז נאָר געגוג אָנצואווייזן אויף איינע פון אירע העכסטע דערגרייכונגען, און דאָס איז דאָס צוגרייטן און די אויסבילדונג פון צענדליקער טויזנטער ארבעטער, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט זומפּן אין בליענדע ישובים, האָבן געבויט שטעט און דערפער, האָבן אויפגעשטעלט הייזער און פאַבריקן, און זיינען אריינגעדרונגען אין די פאַכן פון ים ארבעט, האַפן־בוי, לופט־פליערייִ, — די אלע אטריבוטן וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם אידישן ארבעטער אין דעם שטאַטס־בויער פון היינט און פון דעם מאָרגן.

די אלע ארבעטס געביטן פאַר וועלכע די הסתדרות, מיט דער הילף פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין, האָט געווידמעט אזוי פיל כוחות, האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַר אומגעהויער נוצליך גראָדע איצט אין די מלחמה יאָרן, ווען ארץ ישראל איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע שטיץ־פּונקטן געגן היטלעריזם.

וואָס זעען מיר פאַר זיך? דער ישוב ווידמעט אלע זיינע כוחות אין דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און ־פרייהייט. די פירנדע קראַפט אָט אין דעם קאַמף איז די הסתדרות. אין דער מחנה פון 25,000 מענער און פרויען וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ארמיי און אין דער „סופּערנומערערי פּאָליס" זיינען 20,000 מיטגלידער פון דער הסתדרות. נאָך 35,000 אידישע ארבעטער זיינען באַשעפטיקט אין מלחמה אינדוסטריען, ארמיי קעמפּס, טראַנספּאָרט, מיליטערישע קאָמוניקאַציעס, און האַפן־ארבעט. צו דער הסתדרות ווענדעט מען זיך פון דער רעגירונג און מיליטערישע אויטאָריטעטן פאַר קוואַליפיצירטע ארבעטער ניט בלויז אין ארץ ישראל, נאָר אויך פאַר די נאָכבאַר לענדער. די ארבעטער וועלכע האָבן געקראָגן זייער טעכנישע אויסבילדונג אין די קאָאָפּעראַטיוון פון דער הסתדרות, זיינען געוואָרן די טרייע, דיסציפּלינירטע ארבעטס־אַרמיי, וועלכע שטייט הינטער די ליניען און שטעלט צו עסנוואַרג און מלחמה פּראָדוקטן סיי פאַר דער באַפעלקערונג פון לאַנד און סיי פאַר די קעמפנדע ארמייען ביים פראָנט.

„סולל בונה", דער גרעסטער בוי־קאָאָפּעראַטיוו אין לאַנד, באַשעפטיקט טויזנטער ארבעטער פאַר בויען הייזער, פאַבריקן, שאַסייען, מיליטערישע קעמפּס און פעסטונגען. „ניר", דער לאַנדווירטשאַפטלעכער־קאָאָפּעראַטיוו פון דער הסתדרות, וועלכער קריגט באַדייטנדע סכומים פון אמעריקאַנער געווערקשאַפטן קאַמפּיין, העלפט פינאַנסירן ארבעטער זידלונגען דורך געבן קרעדיט פאַר אירריגאַציע, בנינים, אגריקולטורעלע אויסבילדונג, און דער פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע. „נחשון", די ים געזעלשאַפט פון דער הסתדרות, העלפט מיט אין דער אויסבילדונג פון ים און האַפן ארבעטער, אין דער אַנטוויקלונג פון פישערייען, און אין קאָמוניקאַציע בא די ברעגן פון ארץ ישראל. די טראַנספּאָרט קאָאָפּעראַטיוון האַלטן אויף די קאָמוניקאַציע איבערן לאַנד און שטייען צו דינסט פון דער מיליטער אין אריבערפירן סחורה און מלחמה פּראָדוקטן. „המשביר", דער ארבעטער קאָנסיום קאָאָפּעראַטיוו, טוט אלץ אין זיינע כוחות, כדי די פרייזן פון עסנוואַרג און לעבנס־מיטלען זאָלן ניט שטייגן. „שיכון", די „האַוזינג

## צייט-ליד

פון נחום יוד



די אומגעצוימטע קראַפט פון רשעות האַס און טומאה
געקראָגן איצטער האָט די שליטה אויף דער ערד:
ארויס פון תהום איז דער מחבל מיט א שווערד,
און טוט פאַרניכטען די גערעכטיגע און פרומע . . .

אין בייזער מאַכט צוברעכט ער לענדער, פעלקער, טראָנען,
און מיט משונה'דיגע פויגעל פון דער הויך
פאַרוואַנדעלט ער די שטעט אין חורבות, אש און רויך —
און טויט און שאַנד באַגלייטן זיין פאַרהאַסטען נאָמען.

דאָך אין די חורבות ווערט נקמה שוין געבאָרען!
און אומבאַגרייפליך ווי די סודות פון דער וועלט
שפּראָצט־אויף גערעכטיקייט אזוי ווי גראָז אין פעלד . . .

אָה - ניין! ניט אייביג וועט געדויערען דער צאָרען!
דער חושך יאָגט פאַרביי, צוריק אין תהום אריין, —
און פון דאָס־ניי די וועלט וועט אויפבליהען אין שיין . . .

## NATIONAL (D) STORES

**QUALITY—SERVICE**

**Largest Co-operative Grocery Associaiton of New England** -

די נעשאנאל ריטעילערס קאָאָפּערייטיוו קאָ., און וועלכער עס זיינען אָנגעשלאָסען
מער ווי 150 אידישע ריטייל סטאָרס, אונטער דעם נאָמען „נעשאָנאל די
סטאָרס", האָט זיך אָנגעשלאָסען אין דער גרעסטער קאָאָפּעראַטיווער געזעל־
שאַפט אין לאַנד, וואָס איז באַוואוסט אונטער דעם נאָמען, N. R. O. G.
און וועלכע ציילט 20,000 סטאָרס איבער׳ן לאַנד — און דאָס מאַכט נאָך מער
מעגליך פאַר די „נעשאָנאל די סטאָרס" צו פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען —
די בעסטע קוואַליטיס — פאַר די ביליגסטע פרייזען.

די פּראָווידענס „נעשאָנאל די סטאָרס" זיינען:

**S. LIGHTMAN**
**222 Willard Avenue**
**Tel. DExter 9490**

**D. LERNER**
**45 Douglas Avenue**
**Tel. DExter 3061**

**ORDERS DELIVERED TO ALL PARTS OF THE CITY**



## היברו נאציאנאל וואורשט פאבריק

כשר למהדרין מן המהדרין

וואורשטען, פרענקפורטערס, קארנד ביעף, ראָלד ביעף, און פאסטראָמע
זיינען די געשמאַקסטע און נאַרהאַפטיגסטע.

• • •

**155 EAST BROADWAY, NEW YORK**

Phone ORchard 4-4656



Passover Greetings!

**CHARLES FRADIN, Inc.**

WHOLESALE

LIQUOR DISTRIBUTORS

•

**389 CHARLES STREET** **PROVIDENCE, R. I.**

**Telephone GAspee 1961**



## כרמל וויין און אַלערליי שנאפסען

כ ש ר ל פ ס ח

צו ביליגסטע פרייזען

באַקומט איר בא

**BERRY LIQUOR STORE**

**83 GAY STREET**

Corner Willard Avenue

**Telephone MA. 6078** **FREE DELIVERY**

# פראווידענסער פסח בלאט

ארויסגעגעבן אין די אינטערעסן פון די אידישע ארבעטער אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל

17־טער יאר־גאנג, שנת תש"ג | פראווידענס, ראוד־איילענד | פרייז — 10 סענט






חלוצים בא דער ארבעט

## פסח (זמן חרותנו)

פסח איז דער יום טוב — און דער ערשטער יום טוב — וואס א פאלק האט געפייערט פאר זיין באפרייאונג.

פסח איז דער סימבאל פון פרייהייט. ער דערציילט אונז, אז אידען זיינען פון שקלא־פען א באפרייט פאלק געווארען. ער דער־ציילט אונז, אז האטש הונדערטער יארען זיינען די אידען געווען פארשקלאפט פיזיש און גייסטיג, אבער ווען די דערוואכונג איז געקומען, האט די גרעסטע מאכט זי ניט גע־קענט אפהאלטען, ביז זיי זיינען א פריי פאלק געווארען.

דערפאר, ווען עס קומט דער יום טוב פסח, ווערט פארשטארקט אין אונז דער ווילען און דאס שטרעבען נאך אמאל א פריי פאלק צו ווערען.

דארום איז דער יום טוב פסח געפייערט גע־ווארען אלע צייטען, אונטער די שרעקלעכ־סטע געפארען, ווייל ער גיט אונז צו האפע־נונג, אז אויך איצט וועט אונזער קאמף נאך אמאל א פריי פאלק צו ווערען, וועט סוף כל סוף פארווירקליכט ווערען.

— א. ב.